UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Lider (Poems)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/68w4j4r8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Author**
Keniger, Khayim (Chaim)

**Publication Date**
1979

**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

## אַ פּייערבלום

איך בין ווי אַ שמיד:
זיין קערפּער גליט
ווען ער פאַרעמט שטאָל,
ווי איך — מיין לעבן אַ מאָל
אין וואָרט די נשמה ליגט.
ווי געבעט וואָס דערקוויקט.
פון האַמער דעם שווערן
פליען פונקען — שטערן
און קרייזן גאָטס שטול אַרום
צו שאַפן אַ פּייערבלום.

## וויג זיך...

וויג זיך, וויג זיך, וואַנדערשיף,
אויף ווייטע ימען!
קיין רויך באַווייזט זיך ניט פון קיין קוימען,
מיין לעבן קאָן זיך נישט פאַרזוימען.
מאַביק זענען אַלע שטיבער —
און מיינע ברידער — אין גריבער.

## שאָטנס

אין דיינע אויגן שיינט אַ נעפּל,
אָבער דו לעבסט
מיט שאָטנס פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט.
דו זוכסט צווישן זיי דיין עבר —
געפינסט אים אויף ניט־פאַרלאָשענע קלעצער,
ווו דער הימל שפּיט מיט שקיעה.

## צעאַקערט פעלד

טרויעריק צעאַקערט פעלד!
פון דיר שרייט אַרויס מיין וועלט
ווען איך גיי לעבן דיר.
מיר זענען געווען אַ מאָל פיר,
האָט מען דריי פאַרזייט אין דער ערד
און איך ווער פון איר נאָך גענערט.
נאָר תמיד ווען איך עס מיין ברויט
ווערט פון ווייטיק גערונצלט מיין הויט.
אַ פעלד, דער אַקער פון פויער
דאַרף גיין איבער דיר אין טרויער.

***

ווען דער שאָטן פון אומגעקומענעם
טוכט אויף פון די טיפעניש
אין פינצטערקייט פון דער נאַכט —
האַלדז איך אים אַרום
און דריק אים צו זיך.
מיין קאָפּ לייג איך אויף זיין אַקסל
און די שטורמישע נאַכט
קאָן אונדז נישט שיידן.

## מיינע טעג

איך וואַרף מיינע טעג אינעם אויוון
און מיט זיי באַהייץ איך די שטיבער.
די צייט אין וואַרעמקייט שיינט.
דער שטח ווערט פול מיט פריינד.
און פלוצלינג — אַ בליק פון אַ ווינקל:
צוויי אויגן אין וואונדער־געפינקל,
צוויי אויגן פון איינעם אַ ריז,
וואָס דריקט אין זיין האַנט אַ שפּיז...